# פרשת דברים ב׳ - ח׳ אב תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **יוסף דוד לאווי** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** שטייט די וואך אין **פנים יפות**, אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל בעבר הירדן (דברים א-א), אז די טעם פארוואס משה רבינו האט איבערגעלערנט די גאנצע תורה איז, ווייל אזוי ווי עבר הירדן האט שוין געהאט די קדושה פון ארץ ישראל, און אוירא דארץ ישראל מחכים (בבא בתרא קנח:), האט ער אנגעהויבן צו פארשטיין די תורה אויף א אנדערע מדריגה, האט ער איבערגעלערנט די תורה מיט יודען. אוירא דארץ ישראל מחכים, איז אפילו אין עבר הירדן אויך.

כמדומה אז עס שטייט פונעם **גערער רבי** (הובא **בפרדס יוסף** פ׳ ואתחנן אות כח), אז אוירא דארץ ישראל מחכים איז געווארן דוכדעם וואס דער אייבערשטער האט געהייסען פאר משה רבינו אז ער זאל ארויפגיין ראש הפסגה, ושא עיניך ימה וצפנה ותימנה ומזרחה, וראה בעיניך וכו׳ (דברים ג-כז), און משה רבינו איז געווען דער עמוד החכמה, און ווען ער האט געזעהן די אויר פון ארץ ישראל, האט ער אריינגעלייגט אינעם אויר די כח פון חכמה, אז אוירא דארץ ישראל איז מחכים.

עס איז די וואך די יארצייט פונעם **ערוגת הבשם**. איך האב געהערט פון **מיין טאטען ז״ל**, אז דער ערוגת הבשם איז סוף ימיו נישט געווען געזונט, און עס זענען געקומען אסאך תלמידים אין שטוב באזוכן, און די לופט איז געווען זייער ענג. האט דער זון רבי אברהם יוסף געבעטן אז דער עולם זאל ארויסגיין, מען זאל מאכען לופט פארן פאטער. האט דער ערוגת הבשם נאכגעזאגט פון **רבי הערשעלע זידיטשוב׳ער זי״ע**, אז די גמרא זאגט אוירא דארץ ישראל מחכים. מה דאך די אויר פון א ׳ארץ׳ ישראל איז מחכים, איז אוירא דישראל, א אויר פון א יוד, איז אויך מחכים. אז עס איז דא א אויר פון יודען, איז עס אויך מחכים. האט דער זון געזאגט פארן טאטען, עס איז טאקע מחכים, אבער עס ברענגט נישט קיין געזונט. האט ער געזאגט, אבער עס שטייט אין פסוק (קהלת ז-יב) החכמה תחיה בעליה, אז עס ברענגט חכמה, ברענגט עס געזונט אויך. זכותם יגן עלינו.

בשעות אחר הצהרים הגיע **כ״ק האדמו״ר מקאליש שליט״א** לביקור אצל **רבינו שליט״א**.

***מתוך השיחה:***

**רבינו שליט״א מסר פרישת שלום מחתנו הרב יוחנן טווערסקי שליט״א** (משגיח בישיבה גדולה) **ואמר:** ער איז נוח לשמים ונוח לבריות, די בחורים זענען צופרידן.

**האדמו״ר מקאליש:** איך האב היינט נאכגעזאגט א **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו יד.) אויף ותקרבון אלי כולכם (דברים א-כב), זאגט רש״י בערבוביא, ולהלן (דברים ה-כ) הוא אומר ותקרבון, אותו קריבה הוגנת היתה, זאגט דער חתם סופר ווי קומט עס דא אין די מוסר, אז אותו קריבה הוגנת היתה. דאס איז אויך מוסר, ווייל אמאל דארף מען זיך שטופן, און דארט האט מען זיך נישט געשטופט. ווען עס קומט צו גיין צו תורה וואלט מען זיך געדארפט שטופן, ער מעג זיין א זקן, הילדים דוחפין את הזקנים, ער וויל הערן, האט ער געגעבן א שטופ, עס איז נישט געפערליך.

**רבינו:** יעדע מדה קען מען אויסנוצען אויף ביידע וועגן. אפילו א שלעכטע מדה, אמאל איז עס גוט. אז נישט, וואלט עס דער אייבערשטער נישט באשאפן. שטופן, אמאל איז עס גוט, און אמאל נישט גוט.

**האדמו״ר מקאליש:** עס איז דא א ווארט פונעם **קאצקער**, פארוואס האט דער אייבערשטער באשאפן א קרומע קאפ. ווייל אז מען וויל אמאל דן זיין לכף זכות. אז מען האט א קרומע שכל, קען מען אלץ דן זיין לכף זכות.

**הרב יוחנן טווערסקי:** איך האב געהערט אמאל א ווארט, אז דן זיין לכף זכות איז נאר א בדיעבד. לכתחילה קוק נישט, וואס גייט דיר אן וואס יענער טוט. אז דו קוקסט יא, און דו זעהסט עפעס דארפסטו אים דן זיין לכף זכות. אבער לכתחילה קוק בכלל נישט וואס יענער טוט.

**האדמו״ר מקאליש:** אין פרשת בלק האב איך געזאגט א ווארט, וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי, ויגר מואב מפני העם (במדבר כב-ב), ער האט דען נישט געוואוסט אז עס איז דא א ציווי פון אל תצר את מואב (דברים ב-ט), ער האט דאך געוואוסט אז מען גייט נישט אריינקומען דארט, פארוואס האט ער אזוי מורא געהאט. און ער האט געהערט וואס מען האט געטון צו אמורי. און וואס מען האט געטון צו מצרים האט ער נישט געהערט?!

קריעת ים סוף ומלחמת עמלק, פארוואס פונקט דאס וואס מען האט געטון צו אמורי, דאס האט אים פארדרייט דעם קאפ. און נאכדעם האט ער געזאגט, עתה ילחכו הקהל את כל סביבתינו, עס איז אויך א אינטערעסאנטע לשון. ער וואלט געדארפט זאגען עתה ילחכו הקהל את אשר לנו. און כלחוך השור איז אויך א אינטערעסאנטע לשון.

איך האב געטראכט אזוי, אז דער **אור החיים הק'** (פ' יתרו יט-ה) זאגט דאך, אז ווען א יוד איז זוכה דארף ער נישט ארומלויפן, ער קען גיין זיין וועג, און אלעס קומט צו אים. אבן השואב. מואב האט נישט געלערנט קיין אור החיים הק', ער האט דאס נישט געוואוסט. ער האט אבער געזעהן אז יוסף איז געזעסן אין מצרים, ויצבור יוסף בר, די גאנצע וועלט האט ער צוזאמגענומען. משה רבינו האט געשיקט שלוחים צו אמורי, בדרך המלך נלך, לא נשתה מי באר, לאז אונז אדורכגיין. ולא אבה סיחון, ער האט נישט געוואלט. אז נישט, איז מען געבליבן אינדרויסן, און מען איז נישט אריינגעגאנגען. וואס האט דער אייבערשטער געטון, ער האט זיי ארויסגעבריינגט, ויצא סיחון, און דארט האט זיי משה רבינו דערלאנגט. האט מואב געטראכט, קוק וואס טוט זיך דא, זיי דארפן נישט אריינקומען צו אונז צו הרג'ענען מואב, זיי קענען בלייבען בסביבות, זיי קענען בלייבען ארום און ארום. וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי, נישט אריינגייענדיג. האט ער מורא געהאט. האט ער געזאגט, עתה ילחכו הקהל את כל 'סביבותינו', אפילו ווען זיי בלייבן אינדרויסן, כלחוך 'השור' , אזוי ווי יוסף וואס ווערט אנגערופן שור, בכור שורו (דברים לג-יז), זייענדיג אינווייניג וועלן זיי טון פון אינדרויסן. על כל פנים, עס קוקט אויס ווי אונז דארף מיר יא ארומפארן, זאל מען כאטש אויפטון וואס מען דארף אויפטון.

**רבינו:** די צוויי און פערציג מסעות איז דאך אויך געווען ווייל מען האט געדארפט אויפטון וואו מען איז געשטאנען.

**ונשארו לדבר ביחידות למשך זמן**

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **הרב פישל לעווי שליט"א**, שהתקיים במלון רעלי.

*

***יום שני פרשת דברים***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **פישל לעווי** שליט"א, ולבן הר"ר **משה הערש קליין** הי"ו, ולבן הר"ר **אשר כהנא** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

***וזה תוכן השיחה:***

אחרי הכותו את סיחון מלך האמורי אשר יושב בחשבון, ואת עוג מלך הבשן אשר יושב בעשתרות באדרעי (דברים א-ד). עס שטייט אין **חידושי הרי"ם** אז עס האט א שייכות צו תפלין. מען טוט אן תפלין של יד, און תפלין של ראש. תפלין של יד איז כדי משעבד צו זיין די מעשים פונעם מענטש פארן אייבערשטען. תפלין של ראש איז נגד המח, משעבד צו זיין די מחשבות פארן אייבערשטען. סיחון מיט עוג זאגט דער חידושי הרי"ם, דאס איז צוויי קליפות, וואס זענען אקעגן מחשבה און אקעגן מעשה. סיחון מלך חשבון, דאס איז מחשבה. און זרוע ווערט אנגערופן דרעא (תרגום אונקלוס שמות ו-ו), עוג איז געווען א יושב באדרעי. אחרי הכותו, נאכדעם וואס ער האט געקענט מסלק זיין סיחון מיט עוג, יעצט קען מען לערנען תורה. יעצט קען מען מבאר זיין משנה תורה. – אז מען טוט אן תפלין, קען מען זיך זעצן לערנען.

*

***שבת קודש פרשת דברים***

אצל הבאטע התקיים השלום זכר לבן הנולד אצל הר"ר **בערל דייטש** הי"ו.

במוצאי שבת אחר אמירת מגילת איכה (על ידי הרה"ג **רבי שמשון ראאב** שליט"א), למד **רבינו שליט"א** המדרש על חורבן בית המקדש (פתיחתא לאיכה רבה פסקה כד).

## פרשת ואתחנן ט׳ - ט״ו אב תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת ואתחנן - תשעה באב***

אחר תפלת מנחה, למד **רבינו שליט״א** דברי הגמרא בעניני חורבן בית המקדש (גיטין נו:), עם בחורי הישיבה.

*מתוך השיעור* (עיין עוד בגליונינו פרשת ואתחנן תשע״ד לפ״ק):

**נטל את הפרוכת, ועשאו כמין גרגותני, והביא כל כלים שבמקדש, והניחן בהן, והושיבן בספינה, לילך להשתבח בעירו.** די גמרא דערציילט דעם חורבן פונעם בית המקדש. דער בית המקדש איז חרוב געווארן צוויי מאל. דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארן דורך נבוכדנצר מלך בבל, און דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געווארן דורך רוים, מלכות אדום. ווען דער ערשטער בית המקדש איז חרוב געווארן, איז גאנץ כלל ישראל פארטריבן געווארן פון ארץ ישראל. ארץ ישראל איז געווארן ליידיג, אלעס איז פארטריבן געווארן אויף בבל. און דארט האט זיך אפגעשפילט די מעשה פון מרדכי מיט אסתר מיט המן, און מען האט באקומען רשות שפעטער, נאך זיבעציג יאר, אויפצובויען דעם בית המקדש. דאס איז געווען דער טעות פון אחשורוש וואס ער האט געמאכט א משתה, ווייל ער האט געמיינט אז עס האט זיך שוין געענדיגט די זיבעציג יאר פון גלות בבל, און יודען זענען נישט געווארן אויסגעלייזט, אבער ער האט געהאט א טעות אינעם חשבון. נאכדעם איז אויפגעבויט געווארן דער בית המקדש. דער צווייטער בית המקדש איז געשטאנען פיר הונדערט און צוואנציג יאר. נאכדעם איז געקומען מלכות אדום, און זיי האבן חרוב געמאכט דעם בית המקדש. - וואס די גמרא פארציילט, איז אלץ פונעם צווייטן בית המקדש. דער ערשטער בית המקדש איז דאך געווען פאר די זמן פון די תנאים.

**דער** שר צבא פון די מיליטער, דער וואס האט אנגעפירט די מיליטער, איז געווען טיטוס הרשע, און ער איז ארויפגעקומען און ער האט חרוב געמאכט דאס בית המקדש. די גמרא פארציילט פריער, אז ער איז אריינגעגאנגען אין קדשי קדשים, און ער האט דארט געטון עבירות, און ער האט גענומען דעם פרוכת, און ער האט אריינגעשניטן דערין, און עס איז געשעהן א נס, אז עס איז ארויסגעקומען דם פונעם פרוכת, און ער האט זיך איינגערעדט אז הרג את עצמו, כביכול ער האט גע׳הרג׳עט דעם אייבערשטען.

**עס** איז דא א שמועס וועגן דעם פרוכת. דער פרוכת איז געווען אנדערש אינעם בית ראשון פון דעם בית שני. אין משכן איז געווען אויפגעשטעלט פיר ווענט, מזרח איז געווען די אריינגאנג, און מעריב איז געווען דער קדשי קדשים, און פארן קדשי קדשים איז געווען אויסגעשפרייט א פרוכת, והבדילה הפרוכת לכם בין הקודש ובין קודש הקדשים (שמות כו-לג). אין די אויסנווענדיגסטע חלק איז געווען דער מזבח מיט די כלים, דאס איז געווען דער קודש. און א פרוכת האט מפסיק געווען, און אינעווייניג איז געווען דער קדשי קדשים, דארט איז געווען דער ארון, דארט איז דער כהן גדול אריינגעגאנגען יום כיפור מכפר זיין.

**ביים** ערשטן בית המקדש איז געווען א וואנט, א אמה טרקסין. דער ערשטער בית המקדש איז נישט געווען געבויט פון האלץ, עס איז געווען א געהעריגע בנין, אלע שטובער זענען געווען געבויט מיט ווענט ארום און ארום, און עס איז געווען א וואנט וואס האט מפסיק געווען צווישן קודש און קדשי קדשים.

**ביים** צווייטן בית המקדש איז שוין נישט געווען דער וואנט, דארט איז געווען א פרוכת. אבער מען האט נישט געוואוסט צו די וואנט וואס איז געווען ביים ערשטן בית המקדש, וואס איז געווען דיק א אמה, צו דאס איז געווען א חלק פונעם קדשי קדשים, דאס הייסט אז עס איז שוין געווען געבויט אינעם חלק פון קדשי קדשים, צו דער וואנט איז געווען אינדרויסן. און מען האט נישט געוואוסט וואו צו לייגן דעם פרוכת. צו מען זאל לייגן דעם פרוכת אינדרויסן, אדער אפשר לייג איך שוין אריין א חלק פונעם קודש אינעווייניג. און אויב לייג איך אריין די פרוכת אינעווייניג, אפשר לאז איך א חלק פון קדשי קדשים אינדרויסן. האט מען געמאכט צוויי פרוכת, און אינצווישן איז געווען א אמה ליידיג. ווען דער כהן גדול איז אריינגעגאנגען יום כיפור אין קדשי קדשים, איז ער אריינגעגאנגען אין איין זייט, און ער איז אדורכגעגאנגען צווישן די צוויי פרוכת׳ן, און ארויסגעקומען פון די אנדערע זייט, אזוי איז ער אריינגעקומען אין קדשי קדשים (עיין יומא נב:). - אז מען רעדט דא פונעם צווייטן בית המקדש, וואס עס

איז שוין געווען צוויי פרוכת'ער, וועגן דעם שטייט דא א לשון רבים 'פרוכות', ווייל עס איז נישט געווען איין פרוכת, נאר עס איז געווען צוויי. - וועגן דעם איז אויך דא א גירסא וואס אנשטאט ועשאו, שטייט ועשאן, אז עס איז געווען צוויי פרוכת'ער.

**אין** בית המקדש האט מען זיך יעדן טאג באנוצט מיט דריי און ניינציג כלי שרת (תמיד ג-ד). עס האט אויסגעפעלט צו די עבודה דריי און ניינציג כלים וואס מען האט זיך געדארפט באנוצן. מן הסתם איז פון דעם געווען צענדליגער כלים, וואס עס פעלט אויס ווען א זאך ווערט קאליע. און עס איז געווען זמנים וואס מען האט געדארפט האבן אסאך מער, ווען עס איז געקומען פאר פסח, ווען מען האט געשחט'ן הונדערטער טויזענטער קרבן פסח'ס, האט מען געדארפט האבן כלים דערפאר. און אלע כלים וואס איז געווען במקדש איז געווען נאר זילבער און גאלד, עס איז נישט געווען קיין אנדערע כלים וואס מען האט זיך באנוצט.

**די** מפרשים (עיין **מהרש"א ורש"ש**) געבן צו, אז ער האט עס אריינגעלייגט אין דעם פרוכת, וואס די פרוכת האט ער געשטאכן, און עס איז ארויסגעקומען דם, וועט ער קענען זיך אויפטון, און ווייזן וואס ער האט אויך געטון מיט די פרוכת, אז ער האט כביכול געשטאכן דעם פרוכת, און ויצא דם. האט ער גענומען סיי די פרוכת, און אין דעם האט ער אריינגעלייגט אלע כלים, און אזוי האט ער עס אריבערגעפירט אויף רוים.

*

**נטל את הפרוכת, ועשאו כמין גרגותני, והביא כל כלים שבמקדש, והניחן בהן, והושיבן בספינה, לילך להשתבח בעירו. שנאמר** (קהלת ח-י), **ובכן ראיתי רשעים קבורים, ובאו, וממקום קדוש יהלכו, וישתכחו בעיר אשר כן עשו. אל תיקרי קבורים, אלא קבוצים. אל תיקרי וישתכחו, אלא וישתבחו.** די גמרא דרש'נט, 'ובכן ראיתי רשעים', איך האב געזעהן ווי אזוי די רשעים זענען אריינגעקומען אין בית המקדש, 'קבוצים', זיי האבן צוזאמגענומען אלע כלים וואס איז געווען דארט, 'ובאו', און זיי זענען געקומען, 'וממקום קדוש יהלכו', פון דעם מקום קדוש זענען זיי געגאנגען צוריק אויף רוים ווי זיי האבן געוואוינט, 'וישתבחו', און דארט האבן זיי זיך גערומט, 'בעיר', אין דעם שטאט, 'אשר כן עשו', קוקטס וואס אונז האב מיר אפגעטון אין די שטאט.

**ער** האט געטוישט דא צוויי זאכן. פון 'קבורים' האט ער געמאכט 'קבוצים', און פון 'וישתכחו' האט ער געמאכט 'וישתבחו'. ווי אזוי קען מען נעמען אותיות און טוישן, און מאכען דערמיט וואס מען וויל. מילא א כ"ף מיט א בי"ת, וישתכחו און וישתבחו, איז כאטש ענליך. דער בי"ת ווערט געשריבן אזוי ווי א כ"ף, נאר מיט א קליין שטערכעלע מער, קען מען דרש'נען די חילוף אותיות. אבער פון קבורים אויף קבוצים, מען געפינט אין ערגעץ נישט אז א רי"ש איז זיך מתחלף מיט א צדי"ק. ווי אזוי טייטשט ער, אז עס שטייט קבורים, און ער זאגט אז דאס איז קבוצים. טייטשט דער **מהרש"א**, אז ער מיינט נישט צו זאגען אז מען טוישט דעם ווארט. נאר אין אראמיש לשון, א זאך וואס איז צוזאמגענומען אסאך זאכן אויף איין פלאץ, ווערט אנגערופן מיטן לשון 'קברי'. איז די ווארט 'קבורים' וואס שטייט דא, מיינט א זאך וואס איז מקובץ. דער פלאץ ווי מען לייגט תפילין, ווערט אנגערופן קבורת. פארוואס הייסט עס קבורת? ווייל אסאך פלייש איז צוזאמגענומען אויף איין פלאץ, ווערט עס אנגערופן מיט דעם לשון. ממילא דרש'נט ער, אל תיקרי קבורים, קבורה מיינט נישט א לשון פון א קבר, נאר קבורים איז דער טייטש א זאך וואס איז אנגעהויפנט. ער האט גענומען די פרוכת, און ער האט עס אנגעהויפנט מיט די כלים, און אזוי האט ער עס צוריק געטראגן צו זיך אין די שטאט.

*

**אמר, כמדומה אני, שאלקיהם של אלו אין גבורתו אלא במים. בא פרעה טבעו במים, בא סיסרא טבעו במים. אף הוא עומד עלי לטובעני במים, אם גבור הוא, יעלה ליבשה ויעשה עמי מלחמה.** ער האט געזאגט, בא פרעה טבעו במים. עס איז נישט אזוי זיכער אז פרעה איז איינגעזינקען געווארן אינעם ים. די אלע וואס זענען מיטגעקומען מיט פרעה, די חיל פרעה, פון די איז נישט איבערגעבליבן קיינער. אבער עס איז דא מדרשים (מכילתא בשלח ב-ו) לא נשאר בהם עד אחד (שמות יד-כח), ביז איינער, אבער איינער איז יא געבליבן, פרעה האט דער אייבערשטער

איבערגעלאזט, און ער איז נישט איינגעזינקען געווארן אינם ים. עס איז אויך א **בעל הטורים** (שמות יד-לא), אז פרעה איז נישט איינגעזינקען געווארן, אבער ער האט שוין נישט געהאט צו וועם צוריקצוגיין אין מצרים, פארוועם זאל ער זיין דארט א מלך, איז ער פון דארט אוועקגעגאנגען אויף נינוה, און ער איז געווארן מלך אין די שטאט נינוה. און ווען יונה הנביא איז געקומען, און ער האט געזאגט נביאות אויף נינוה, זענען די אנשי נינוה געווארן זייער ערליך, זיי האבן תשובה געטון, זיי האבן צוריק געגעבן די גזילות וואס זיי האבן געהאט, און זיי האבן געפאסט, זיי און די בהמות, און דער באשעפער האט אנגענומען די תשובה. וועגן דעם לייגט מען די הפטורה אין יום כיפור, אז אפילו ווען א גוי קערט זיך צוריק צום אייבערשטען, איז אויך דער אייבערשטער מקבל די תשובה.

**וואס** זענען זיי עפעס אזוי פרום געווען די אנשי נינוה, אז זיי האבן זיך דערשראקן פונעם אייבערשטען? שטייט אין בעל הטורים, אז אזוי ווי פרעה איז דעמאלטס געווען זייער מלך, און פרעה האט זיך שוין איינמאל אפגעבריהט ביי קריעת ים סוף, האט ער דאך שוין געזעהן די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, וואס דער באשעפער האט געטון ביי דעם ים, וועגן דעם האט ער געהייסן, אז יעדער זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטען. - על כל פנים, ווען ער זאגט בא פרעה טבעו במים, איז נאך נישט קיין הכרח אז עס גייט ארויף אויף פרעה אליין. ער האט געמיינט צו זאגן, ווען ער האט געהאט צוטון מיט פרעה, האט ער טובע געווען במים, די אלע וואס האבן נאכגעיאגט נאך די יודען.

*

**דער מהרש"א** שטעלט זיך, פארוואס רעדט ער נישט פונעם מבול? די ערשטע זאך וואס דער אייבערשטער האט געברענגט א חורבן אויף די וועלט, איז געווען דער מבול. דער מבול איז דאך אויך געווען במים, פארוואס איז ער געשפרינגען צו פרעה און סיסרא, פארוואס זאגט ער נישט, ער האט געהאט צו טון מיטן דור המבול, האט ער זיי טובע געווען במים? אין מהרש"א איז משמע צוויי זאכן. איינס, ווייל דארט איז נישט קיין הכרח אז עס האט געהאט צו טון מיט אלקיהם של אלו, אז עס איז דער גאט פון יודען. יודען זענען נאך נישט געווען דעמאלטס, און עס קען זיין אז די וועלט האט געמאכט א אנדערע גאט. אבער ווען מען רעדט פון פרעה, ווען מען רעדט פון סיסרא, איז דאך געווען א מלחמה וואס איז געווען צווישן יודען מיט פרעה און סיסרא, און אז די יודען האבן געזיגט, איז דאס געווען דער גאט פון יודען.

**נאכדעם**, דארט האט ער נישט געקענט זאגן יעלה ביבשה, ער זאל ארויפקומען אויף די יבשה, און זיך קריגן מיט מיר, ווייל ביים מבול איז געקומען דער ים אויף די יבשה. מען האט זיי נישט אריינגעווארפן אין ים, נאר זיי זענען געווען אין יבשה, און די וואסער איז געקומען אויף די יבשה. ממילא האט ער אויסגעלאזט דעם ענין פונעם מבול, און ער האט געזאגט, מיט פרעה און סיסרא האט ער מלחמה געהאלטן אינעם וואסער, זאל ער מלחמה האלטן מיט מיר אויף די יבשה.

*

**יצתה בת קול, ואמרה לו, רשע בן רשע, בן בנו של עשו הרשע, בריה קלה יש לי בעולמי, ויתוש שמה, אמאי קרי לה בריה קלה, דמעלנא אית לה, ומפקנא לית לה.** וואס מיינט א בת קול? איז דא צוויי טייטשן. אטייל טייטשן (עיין תוס' סנהדרין יא.) אז 'בת' איז טייטש, אזוי ווי א טאכטער פון א קול, א ווידער קול. אמאל רעדט א מענטש, און דער קול הערט זיך איבער, ער הערט נישט די קול אליין, ער הערט די הברה פונעם קול. דער צווייטער קול ווערט אנגערופן א 'בת קול'. נבוכדנצר איז נישט געווען ראוי ער זאל הערן א קול פונעם הימל, אבער א בת קול, א קול וואס איז נאכגעקומען נאכדעם, דאס האט ער געהערט.

**אטייל** טייטשן (עיין **תוספות הרא"ש**), אז א מאס, ווערט אנגערופן אין נ"ך (מלכים א ז-כו) מיטן לשון 'בת'. געווענליך א קול וואס קומט, הערט דאך יעדער איינער. אבער ביי א בת קול, קען אמאל זיין צען מענטשן צוזאמען, און נאר דער וואס דארף עס הערן, הערט דעם קול, און די איבריגע הערן עס נישט. דאס איז א קול וואס גייט מיט א מאס, עס גייט אויסגערעכנט צו וועם עס זאל אנקומען דער קול. עס מוז נישט זיין אז די אלע וואס זענען געווען

אויף די שיף האבן געהערט דעם בת קול, עס איז געווען א קול וואס איז געקומען נאר צו אים אליין.

*

**רשע בן רשע, בן בנו של עשו הרשע.** ער איז געווען אן אייניקל פון עשו הרשע. ווייל מען האט פריער גערעדט, אז דער צווייטער חורבן איז געווען דורך אדום, און אדום איז דאך עשו, עשו אבי אדום (בראשית לו-מג). קומט אויס, אז די אלע וואס שטאמען פון אדום, זענען אלע בני עשו. ער איז געווען בן בנו של עשו הרשע.

*

**בריה קלה יש לי בעולמי, ויתוש שמה, אמאי קרי לה בריה קלה, דמעלנא אית לה, ומפקנא לית לה.** איך האב אמאל געזעהן שטיין, אז די גמרא (עבודה זרה ג.) זאגט אויף די מצוה פון סוכה, אז עס איז א מצוה קלה. לעתיד לבא וועט דער אייבערשטער זאגן פאר די גוים, מצוה קלה יש לי, איך האב א גרינגע מצוה, און לאמיר זעהן צו עטץ קענטס עס מקיים זיין. דארט שטייט א טעם פארוואס עס הייסט א מצוה קלה, ווייל אין בה חסרון כיס, מען דארף נאר זיצן אין די סוכה, און עס קאסט נישט קיין געלט. אנדערע מצות קאסטן געלט. עס איז א גרינגע מצוה, עס איז גרינג מקיים צו זיין.

**אטייל** זאגן, אז די גמרא זאגט דא, אז קלה איז דער טייטש, א זאך וואס דמעלנא אית לה, וואס מען גייט אריין דערין, און מען גייט נישט ארויס דערפון. סוכה איז דאך די מצוה אריינצוגיין אינעווייניג אין די סוכה, נעמען אויף זיך די קדושה פון די סוכה, אבער וואו מען גייט, נעמט מען מיט די סוכה מיט זיך, און מען גייט נישט ארויס דערפון. די קדושה פונעם סוכה בלייבט אויפן מענטש. עס איז אזוי ווי א מצוה קלה, דמעלנא אית לה, מען גייט אריין אין די מצוה, אבער ומפקנא לית לה, מען גייט נישט ארויס פון די מצוה.

*

**עלה ליבשה, בא יתוש ונכנס בחוטמו, ונקר במוחו שבע שנים. יומא חד, הוה קא חליף אבבא דבי נפחא, שמע קל ארזפתא, אישתיק. אמר, איכא תקנתא. כל יומא, מייתו נפחא, ומחו קמיה. לנכרי, יהיב ליה ארבע זוזי. לישראל, אמר ליה, מיסתייך דקא חזית בסנאך.** אמאל איז דא א הנאה וואס א מענטש האט, וואס איז מער ווערד ווי די געלט אליין. פארן גוי האט ער באצאלט פיר גילדן, אבער די הנאה וואס ער האט א נקמה אין טיטוס, איז מער ווערד פון די פיר גילדן, אז איך דארף דיר נישט באצאלן, עס איז גענוג די הנאה וואס דו האסט.

**מען** זאגט נאך פון **סאטמאר'ער רב ז"ל**, אז אמאל האט מען עפעס באליידיגט א יוד אין בית המדרש, און דער סאטמאר'ער רב האט געזאגט, אז די קופקע וואס איז געשטאנען דארט, דארף געבן קנס. האט זיך א יוד אנגערופן און געזאגט, רבי איך בין נאר געשטאנען דארט, איך בין נישט געווען קיין חלק פון די קופקע. האט אים דער סאטמאר'ער רב געזאגט, אבער הנאה געהאט האסטו? פאר דעם דארף מען אויך באצאלן... עס איז דא איינער וואס טוט א זאך, און עס איז דא איינער וואס האט הנאה פון א זאך.

*

**עד תלתין יומין עבד הכי, מכאן ואילך, כיון דדש דש.** ווען **מיין טאטע ז"ל** איז געקומען קיין אמעריקא, איז די ערשטע דירה זיינע געווען אויף בראדוועי, ביי די טרעינס. פון איין זייט איז געווען דיוויזישאן, און פון די אנדערע זייט איז געווען בראדוועי, נעבן הופער סטריט. פלעגט ער אלץ צו זאגן, אז די ערשטע פאר וואכן, האט ער נישט געקענט שלאפן ביינאכט, ווען עס איז אדורכגעפארן א טרעי"ן. עס האט געמאכט א גערודער, און עס האט אים געשטערט. שפעטער ווען ער האט זיך אוועקגעצויגן פון דארט, אויף א צווייטע פלאץ, און דארט איז שוין נישט געווען קיין טרעינס, האט ער שוין נישט געקענט שלאפן, ווייל עס איז געווארן צו שטיל. - יעדע זאך ווי אזוי מען געוואוינט זיך, אזוי איז עס. דער יתוש האט זיך נישט געקענט צוגעוואוינען אין אנהייב, ער האט געהערט א קול, נאכדעם האט ער זיך צוגעוואוינט צו דעם קול, וכיון דדש דש.

*

**תניא, אמר רבי פנחס בן ערובא, אני הייתי בין גדולי רומי, וכשמת, פצעו את מוחו, ומצאו בו, כצפור דרור,**

**משקל שני סלעים. במתניתא תנא, כגוזל בן שנה, משקל שני ליטרין. אמר אביי, נקטינן, פיו של נחושת, וצפורניו של ברזל.** דאס איז טייטש, אז עס איז נישט געווען קיין פשוטער יתוש, וואס א יתוש איז דאך ווייך, און אפילו ווען ער רודערט, רודערט ער נאר ווייך, אבער אז עס איז געווען פיו של נחושת, און עס איז געווען פון ברזל, האט עס געמאכט גרויס ווייטאג פאר טיטוס. אטייל זאגען, אז וועגן דעם האט עס געוואויגן אזוי סאך, נישט ווייל עס איז געווארן אזוי גרויס ווי מען האט פריער געדעדט, אין קאפ פונעם מענטש קען נישט זיין א פייגל אזוי גרויס ווי א יאר אלט, נאר אזוי ווי ער איז געווען פון נחושת, און ער איז געווען פון ברזל, האט עס געהאט די וואג פון א פייגל. א קליינע שטיקעלע ברזל, מיט א קליין שטיקל נחושת, האט א גרויסע וואג, האט עס געהאט דעם וואג אזוי ווי א גוזל בן שנה.

*

**כ' הוה קא מיית, אמר להו, ליקליוה לההוא גברא, ולבדרי לקיטמיה, אשב ימי, דלא לשכחיה אלהא דיהודאי, ולוקמיה בדינא.** אלעס איז זיבן, נקר במוחו שבע שנים, און ער האט געהייסן מען זאל אים צושפרייטן אשב ימי, איז משמע אז עס איז דא עפעס א ענין אין דעם וואס טיטוס האט געהאט צו טון. אין קדושה איז דא זיבן, אין טומאה איז דא זיבן.

**א** השגה פון א גוי. ער האט געגלייבט אז עס איז דא א דין שפעטער, אז נישט דארף ער דאך נישט מורא האבן. און ער האט געמיינט אז ער איז קלוגער פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער קען זיך נאר אפרעכענען מיט אים, ווען מען לייגט אים אריין טויטערהייט אין קבר, אבער נישט ווען מען מאכט פון אים אש. - ווען מען לייגט אים אין קבר אריין, ווערט ער אזוי אויך ביז א שטיק צייט רימה ותולעה, ער ווערט אויך אויפגעגעסן... על כל פנים אזוי האט ער געזאגט.

**איך** האב געזעהן שטיין, אז עס שטייט נישט אין די גמרא, צו מען האט אים געפאלגט, צו נישט. די גמרא זאגט נאר, וואס ער האט געזאגט, די גמרא זאגט נישט, וכן עשו, אז מען האט אזוי געטון.

*

**זיל איגרי בהו בההוא עלמא, והוית רישא, דכתיב** (איכה א-ה), **היו צריה לראש. כל המיצר לישראל, נעשה ראש.** אין **מהרש"א** שטייט, פארוואס איז אזוי, אז כל המיצר לישראל ווערט א ראש? ווייל ער טוט אויסטיילן צרות פאר יודען, על כן, גיט אים דער אייבערשטער גדולה?! יא. דער אייבערשטער גיט אים גדולה, פארן כבוד פון יודען, אז מען זאל נישט זאגן, אז יודען זענען געפאלן אונטער א אומה שפילה, נידריגע מענטשן. גיט דער אייבערשטער קודם גרויסקייט פאר די וואס טוען אונטערדרוקן יודען, כדי אז ווען יודען וועלן נכנע ווערן אונטער זיי, קעגן אזא גרויסן פאלק, האבן זיי נישט געקענט ביישטיין. אבער אז יודען וועלן זיין נכנע אונטער א אומה שפילה, איז עס א געוואלדיגער בזיון. עבדים משלו בנו, איז אנדערש ווי ווען א אדון איז מושל אויף איינעם. וועגן דעם כל המיצר לישראל, איינער וואס איז מיצר לישראל, וויל נישט דער אייבערשטער, אז כלל ישראל זאל ווערן אונטער געגעבן, אונטער אזא פשוטן מיצר לישראל. נעשה ראש, מאכט אים דער אייבערשטער פאר א ראש, ער ווערט גרויס, נאכדעם אז יודען זענען אונטער אים, איז נישט אזוי גרויס דער בזיון פאר יודען (עיין בתוספות חגיגה יג:). - לויט דעם איז דער פשט, אז א מיצר לישראל נעשה ראש, בעפאר ער קען אויספירן זיין מיצר לישראל. בעפאר ער ווערט א מיצר לישראל, מאכט אים דער אייבערשטער גרויס, און נאכדעם קען ער טון שלעכטס פאר יודען.

**אטייל** מפרשים טייטשן פארקערט, אז ווען דער אייבערשטער וויל זיך נאכדעם אפרעכענען מיט דעם וואס האט מיצר געווען לישראל, פאסט נישט אז דער אייבערשטער דארף זיך אפרעכענען מיט איינעם וואס איז א אדם שפל. נאכדעם וואס ער האט מיצר געווען לישראל, מאכט אים דער אייבערשטער גרויס, אז ווען דער אייבערשטער רעכנט זיך אפ מיט אים, האט ער זיך אפגערעכנט מיט איינעם וואס איז גרויס (עיין **יערות דבש** א-ג ד"ה אמנם כבר נודע). - לויט דעם ערשטן מהלך, איז המיצר לישראל נעשה ראש, ווערט ער א ראש בעפאר ער איז מיצר לישראל. און לויטן צווייטן וועג, ווערט ער א ראש נאכדעם וואס ער האט מיצר געווען לישראל, כדי דער אייבערשטער זאל זיך אפרעכענען מיט איינעם וואס איז א דרך כבוד, אז ער איז גרויס.

**אין חתם סופר** (ליקוטים שמות קכג.) שטייט, אז וועגן דעם איז כל המיצר לישראל נעשה ראש, ווייל א מענטש האט א בחירה, יעדער מענטש קען טון וואס ער וויל. דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן דעם מענטש, אז ער קען טון שלעכטס פאר יענעם, און ער קען טון גוטס פאר יענעם. קענסט הרג'נען, אלעס קען מען טון. דער באשעפער טוט נישט צוריקהאלטן א מענטש פון זיין בחירה. דאס איז נאר געזאגט געווארן אויף א פשוטן מענטש. אבער מלכים ושרים, קענען נישט טון וואס זיי ווילן. אזוי שטייט אין פסוק (משלי כא-א), פלגי מים לב מלך ביד ה', די הארץ פונעם מלך, איז אין די הענט פונעם אייבערשטען. דער באשעפער האט נישט געוואלט איבערגעבן די בחירה פאר א מענטש וואס איז א מלך, און ער קען טון מיט טויזנטער מענטשן וואס ער וויל. איז וואס א מלך טוט, איז נישט פון זיין בחירה. פון הימל האט מען אים אריינגעגעבן די מחשבה, ער זאל עס טון (עיין **בשמן ראש** חלק תשיעי במדבר דף רנח).

**וועגן** דעם זאגט מען אין די קינות (איכה ה-ח), עבדים משלו בנו, פורק אין מידם. ווען עס קומען מלכים און שרים, וואס זיי זענען משלו בנו, קומט דאך עס פונעם אייבערשטען, און אז עס קומט פונעם אייבערשטען, קען מען בעטן פונעם אייבערשטען, קען מען אויסגעלייזט ווערן אויך פון זיי. אבער אז עבדים משלו בנו, טאמער עס איז עבדים, איז דאך עס תלוי אין זייער בחירה, איז פורק אין מידם, ער האט דאך א בחירה צו טון וואס ער וויל. – ווען עס קומט א מיצר לישראל, און דער אייבערשטער איז חס אויף יודען, ער זאל נישט קענען אויספירן אלעס וואס ער וויל טון פאר יודען, נעשה ראש, מאכט אים דער אייבערשטער פאר א ראש, פארלירט ער די בחירה ווייל לב מלכים ושרים ביד ה', איז לטובתן של ישראל, איז ער נעשה ראש.

*

**נאך** א פשט האב איך געזעהן דערויף, פארוואס המיצר לישראל נעשה ראש. ווייל אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה (פסחים קיח.), דער באשעפער באצאלט אויף יעדע גוטע זאך וואס א מענטש האט געטון. אויב עס איז ארויסגעקומען פון אים א גוטע זאך, באצאלט אים דער אייבערשטער. יעדער רשע וואס טיילט אויס צרות פאר יודען, איז טאקע דא די ווייטאג פאר יודען, די צרות וואס ער טיילט אויס. אבער עס איז דא א נקודה פון גוטס אויך, אז יודען טוען תשובה. הקב"ה מעמיד עליהם מלך קשה כהמן, זאגט די גמרא (סנהדרין צז:), און יודען וועלן טון תשובה. אין ישראל נגאלין אלא בתשובה (שם). אז מען טוט תשובה פון זיך אליין איז גוט, אבער אז נישט, זאגט די גמרא, דער אייבערשטער וועט מעמיד זיין א מלך קשה כהמן, און ער וועט זיי מחזיר בתשובה זיין.

**המן**, פון איין זייט האט ער געוואלט להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים. אבער וואס איז געווען, די יודען האבן געפאסט, און יודען האבן תשובה געטון, מען האט זיך צוריק געקערט צום אייבערשטען, לך כנוס את כל היהודים וצומו עלי (אסתר ד-טז), עס איז געווען גוטע זאכן אויך, וואס המן האט למעשה ארויסגעברענגט פון כלל ישראל. ער האט עס טאקע נישט געמיינט, אבער אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה, וועגן דעם געפונט מען (סנהדרין צו:) אז בני בניו של המן למדו תורה בבני ברק. דער באשעפער האט אים באצאלט פאר די חלק הטוב וואס איז ארויסגעקומען פון אים.

**קומט** אויס אז אין אלע מיצר לישראל'ס, איז דא א חלק הטוב וואס זיי האבן, אז זיי האבן צוגעברענגט יודען, נתקרב צו ווערן צום אייבערשטען. און אזוי ווי אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה, באצאלט דער אייבערשטער, נעשה ראש, מען באצאלט אים אויף די וועלט, אז ער האט כבוד, ער ווערט א ראש, דאס איז אפצוצאלן פאר דעם מיצר לישראל, אויף די חלק הטוב, וואס ער האט צוגעברענגט יודען, אז זיי זאלן נתקרב ווערן צום אייבערשטען.

*

**אזל אסקיה לבלעם בנגידא, אמר ליה, מאן חשיב בההוא עלמא, אמר ליה, ישראל. מהו לאידבוקי בהו, אמר ליה, לא תדרוש שלומם וטובתם כל הימים** (דברים כג-ז). דער פסוק שטייט ביי מואב, לא תדרוש שלומם וטובתם כל הימים, און בלעם איז דאך געווען פון מואב. דער אייבערשטער זאגט, ווען מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, קען מען אייננעמען די שבעה אומות, אבער עמון און מואב האט דער אייבערשטער נישט געגעבן קיין רשות, אל תצירם

ואל תתגר בם (דברים ב-יט), מען האט זיי נישט געטארט טשעפן, מען האט זיך נישט געטארט רייצן מיט זיי. דאס האט דער אייבערשטער אוועקגעגעבן פאר זיי, כי לבני לוט נתתיה ירושה (שם), דאס גיט מען פאר די בני לוט. עס איז געקומען א גוטן שכר פאר עמון ומואב, דער באשעפער האט געלאזט זייער לאנד. מיט מואב האט מען נישט געטארט מלחמה האלטן, און מיט עמון האט מען אפילו נישט געטארט טשעפען, מען האט זיך נישט געטארט רייצן מיט עמון. אבער די תורה האט געזאגט, לא תדרוש שלומם וטובתם כל הימים, גוט לעבן מיט זיי דארף מען אויך נישט. אז זיי בעטן עפעס, דארפסטו נישט געבן, מען דארף נישט האבן קיין שלום מיט עמון ומואב, איך קען זיי טאקע נישט מרחק זיין אינגאנצען.

**טיטוס** האט געזאגט, מען זאל מרחק זיין אינגאנצען, האב נישט מיט זיי קיין שייכות. אדרבה, איגרי בהו, רייץ זיך אן מיט זיי. בלעם האט געזאגט אזוי ווי מען האט געזאגט אויף עמון ומואב, ער האט נישט געזאגט, רייץ זיך מיט זיי. אל תצר את מואב, דער אייבערשטער האט אויך געזאגט ביי מואב אז מען טאר זיך נישט רייצן. אבער לא תדרוש שלומם וטובתם כל הימים, אזוי ווי זיי זענען מצווה געווארן, זענען יודען מצוה געווארן נישט דורש זיין שלומם. דאס האט ער צוריק באצאלט יעצט, אז ער האט געזאגט פאר דעם גר, אויך די זעלבע. לא תדרוש שלומם וטובתם, איך הייס דיר נישט דו זאלסט זיך גיין קריגן מיט זיי, אבער זיי נישט אזוי גוט מיט זיי.

*

**אמר רבי אלעזר, בא וראה כמה גדולה כחה של בושה, שהרי סייע הקב"ה את בר קמצא, והחריב את ביתו, ושרף את היכלו.** די גמרא פאר דעם (נה:) האט צוגעברענגט די מעשה פון קמצא און בר קמצא, אז מען האט באליידיגט דעם בר קמצא, מען האט אים אוועקגעשיקט פון די סעודה. נאכדעם איז ער געגאנגען צו דעם מלך, און ער האט גערעדט שלעכטס, אז יודען האבן מורד געווען אינעם מלך. דער מלך האט געשיקט א קרבן, און ער האט געמאכט א מום אינעם קרבן, און ווען דער קרבן איז אנגעקומען, האט מען נישט געוואוסט וואס מען זאל טון. פון איין זייט טאר מען נישט מקריב זיין א קרבן א בעל מום, פון די אנדערע זייט האט מען מורא געהאט צו טשעפענען מיטן מלך. מען האט אים געוואלט הרג'נען, האט מען געזאגט, אז מען וועט זאגן, אז ווען איינער איז מטיל מום בקדשים, הרג'עט מען. למעשה האט מען נישט מקריב געווען דעם קרבן, און דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז דער מלך האט זיך געבייזערט, אז מען האט נישט מקריב געווען דעם קרבן. אלעס איז ארויסגעקומען וועגן בושה. ווייל מען האט מבייש געווען בר קמצא, ער האט נישט געקענט אדורכטראגן די בושה, האט ער זיך מיט דעם אפגערעכנט, און ער האט גערעדט שלעכטס.

**עס** שטייט אין **עיון יעקב**, אז ער רופט עס אן 'סייע', שהרי סייע הקב"ה את בר קמצא, מען האט פון הימל צוגעהאלפן דערצו. וואס איז טייטש ער האט צוגעהאלפן פאר בר קמצא. ווייל עס איז דאך געווען משיב חכמים אחור (ישעיה מד-כה), לעולם וואלט זכריה בן אבקילס געדארפט פארשטיין, אז מען מוז מקריב זיין דעם קרבן, און נישט מאכן די פשעטלעך, אז מען קען נישט מקריב זיין קיין קרבן. און מען קען אים נישט הרג'נען, ווייל מען וועט זאגן, אז א מטיל מום בקדשים, יהרג. סייע הקב"ה, דער אייבערשטער האט געוואלט, אז עס זאל צוקומען צום חורבן פון בית המקדש, האט ער צוגענומען דעם שכל פון זכריה בן אבקילוס, און ער האט געזאגט, מען זאל נישט מקריב זיין, און דאס האט צוגעברענגט אלעס. כמה גדולה כוחה של בושה, ווי גרויס איז דער כח פון בושה, אז דער אייבערשטער האט צוגעהאלפן פאר בר קמצא, און עס איז געקומען צום חורבן פון בית המקדש.

*

**דהוו נהיגי, כי הוו מפקי חתנא וכלתא, מפקי קמייהו תרנגולא ותרנגולתא, כלומר, פרו ורבו כתרנגולים.** דער **מהרש"א** זאגט, וואס עפעס כתרנגולים, יעדע בעל חי מערט זיך. מען האט געקענט נעמען סתם א בעל חי, און טראגן. פארוואס האט מען גענומען א תרנגול מיט א תרנגולת? זאגט דער מהרש"א, אז דער אייבערשטער האט באשאפן פינף מינים. בהמות, חיות, עופות, דגים, און דער מענטש. ווען דער באשעפער האט באשאפן די בהמות מיט די

חיות, שטייט נישט אז עס איז דא א ברכה פונעם אייבערשטען פרו ורבו. ווען דער באשעפער האט באשאפן די עופות מיט די דגים, אויף דעם האט דער אייבערשטער געזאגט (בראשית א-כב) פרו ורבו. און אויפן מענטש, האט אויך דער אייבערשטער געזאגט (בראשית א-כח) פרו ורבו. קומט אויס, אז די דריי, עופות, דגים, און דער מענטש, האבן א ברכה פונעם אייבערשטען אויף פרו ורבו. ממילא האט מען גענומען א תרנגול מיט א תרנגולות, צוויי עופות, זיי האבן דאך א ברכה פונעם אייבערשטען פרו ורבו, און דאס האט מען געפירט פאר חתן כלה, אז זיי זאלן זיך מערן אזוי ווי א תרנגול מיט א תרנגולת.

**גיט** צו דער מהרש"א, אין עופות איז דאך אויך דא אסאך ערליי עופות. פארוואס האט מען פונקט גענומען א תרנגול מיט א תרנגולת? ווייל א תרנגול ווערט אנגערופן גבר, קריאת הגבר (יומא כ.), אויפן זעלבן נאמען ווי א מאן, וואס ווערט אויך אנגערופן גבר. און דאס איז דער טעם אז ווען מען נעמט כפרות, און מען זאגט זה חלפתי, נעמט מען א תרנגול, ווייל דער מענטש ווערט אנגערופן גבר, און דער תרנגול ווערט אנגערופן גבר, זאגט מען, זה הגבר ילך למיתה, און דער מענטש זאל בלייבן. מילא דער נאנטסטער סימן וואס מען זאל געבן צו פרו ורבו אויף חתן כלה, איז געווען א תרנגול מיט א תרנגולת.

**נאך** געפונט מען א גמרא (שבת ל:), אז לעתיד, וועט א אשה געבוירן א קינד יעדן טאג. קען דען זיין יעדן טאג א קינד? זאגט די גמרא, כתרנגול, א תרנגול לייגט אויך א איי יעדן טאג. זעהט מען אז א תרנגול איז א בעל חי וואס פראדוצירט די מערסטע, זיי לייגן א איי יעדן טאג, און פון די איי קומט ארויס א הינדל. און ביי אנדערע בעלי חיים איז עס נישט אזוי.

*

**אכשליה פומיה לבר דרומא, ואמר,** (תהלים ס-יב) **הלא אתה אלקים זנחתנו ולא תצא אלקים בצבאותינו. דוד נמי אמר הכי, דוד אתמוהי קא מתמה.** גיט צו דער **מהרש"א**, ווער זאגט אז דוד המלך האט געזאגט מיט דעם ניגון, און ער האט געזאגט מיט אן אנדערן ניגון. ביידע זאגן דאך די זעלבע ווערטער. פארוואס ביי בן דרומא זאגסטו אז ער האט נישט גוט געזאגט, און דוד האט יא גוט געזאגט. זאגט דער מהרש"א, דאס איז דאך א פסוק אין א קאפיטל תהלים. דער גאנצער קאפיטל תהלים רעדט דוד המלך, און ער בעט צום אייבערשטען, דער באשעפער זאל אים קומען העלפן, ער זאל ארויסקומען אין אונזער מיליטער. און ער רעדט זיך אפ אינמיטן, אז דער באשעפער לאזט אונז איבער, און ער קומט אונז נישט צו הילף. יא, ווען דו זאגסט א גאנצע קאפיטל, דעמאלטס ווייסט מען וואס מען מיינט. אבער אז מען נעמט ארויס דעם איינעם פסוק, הלא אתה אלקים זנחתנו, ולא תצא אלקים בצבאותינו, האט דער בר דרומא געמיינט צו זאגן, אז מען קען זיך אן עצה געבן כביכול אן דעם אייבערשטען.

**מען** זאגט נאך, אז א יוד האט אמאל געזאגט, אז עס שטייט בפירוש אין פסוק, אז מען דארף דינען עבודה זרה. וואס? אין פסוק שטייט אז מען דארף דינען עבודה זרה? נעמט ער א סידור, און ער ווייזט, אז אין די פרשה פון והיה אם שמוע שטייט, ועבדתם אלהים אחרים, מען זאל דינען עבודה זרה. איי עס שטייט פארדעם וסרתם ועבדתם אלהים אחרים, וחרה אף ה' בכם. אז מען נעמט ארויס א שטיקל דערפון, קען מען זאגן ועבדתם אלהים אחרים. אז מען נעמט א פסוק אין תהלים, ולא תצא אלקים בצבאותינו, קען מען עס אויסטייטשען אנדערש. אבער דוד המלך האט געזאגט דעם גאנצן קאפיטל תהלים, זעהט מען וואס ער האט געמיינט.

*

***יום שני פרשת ואתחנן***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ישראל פאללאק** הי"ו.

*

***יום שלישי פרשת ואתחנן***

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **בערל דייטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (במדבר ד-ד) ואתם הדבקים בה' אלקיכם, חיים כולכם היום. משה רבינו

זאגט אז מען זאל זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען, חיים כולכם היום, וועט מען קענען לעבן. די גמרא (חולין פט.) זאגט, כי אתם המעט מכל העמים (דברים ז-ו), דער אייבערשטער זאגט, איך האב ליב יודען, ווייל אפילו ווען מען גיט זיי גדולה, פון דעסטוועגן דאך האלטן זיי זיך נישט גרויס דערמיט. נתתי גדולה לאברהם, האט ער געזאגט (בראשית יח-כז) ואנכי עפר ואפר. נתתי גדולה למשה, האט ער געזאגט (שמות טז-ח) ונחנו מה. נתתי גדולה לדוד, האט ער געזאגט (תהלים כב-ז) ואנכי תולעת ולא איש.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז די גמרא ברענגט דא ארויס, אז עס איז דא דריי ערליי נקודות אין ענוה. א בחינה פון אפר, אש. נאכדעם איז דא די צווייטע בחינה וואס איז נאך גרעסער, מה, ער עקזיסטירט אינגאנצן נישט. און דוד המלך האט געזאגט, ואנכי תולעת, א ממוצע, עס איז א בעל חי, אבער ער איז א תולעת. די ראשי תיבות דערפון איז את"ם, א'פר, ת'ולעת, מ'ה.

**אז** מען וויל זיין דבוק אינעם אייבערשטען. ו'אתם', אז מען האט די מדות וואס מען געפונט ביי אברהם און משה און דוד, א'פר מ'ה און ת'ולעת, מיט דעם איז 'הדבקים בה' אלקיכם', קען מען זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען. אז נישט, זאגט דאך די גמרא (סוטה ה.), אין אני והוא יכולין לדור בעולם, דער אייבערשטער קען נישט וואוינען מיט איינעם וואס עס פעלט אים די מדה פון ענוה. אז מען וויל זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען, זיין דבקים בה' אלקיכם, דאס איז דורך 'ואתם'.

*

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים (**תיקוני זוהר** כב סו.) אז ביי א ברית מילה קומען ארויף די שם הוי"ה און דער שד"י אויפן מענטש. דער שם הוי"ה איז מבפנים, און דער שם שד"י איז מבחוץ. די צוויי שמות קומען ארויף אויפן מענטש בשעת מען מל'ט דאס קינד. פארוואס פונקט בשעת מען מל'ט דאס קינד, קומט ארויף די שמות.

**די** גמרא (גיטין נז:) זאגט, כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כג), זו מילה. בעצם מילה איז הרגנו כל היום, עס איז א בחינה פון מסירת נפש. א טאטע נעמט א קליין קינד און ער מל'ט אים. מען מעג מחלל שבת זיין אויף א קינד וואס גייט אדורך אזא ווייטאג, איז דאך דער טייטש אז בעצם איז עס א סכנה. און פון דעסטוועגן דאך, האט די תורה געהייסען אז מען זאל אריין לייגען דאס קינד אין א סכנה, און מען זאל מל'ן דאס קינד. דער הייליגער **חתם סופר** שרייבט (בשו"ת יו"ד סימן רמ"ה ד"ה הנה) אז מצוה מגינא ומצלא (סוטה כא.). ווייל דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון מילה, דאס איז מגינא ומצלא אז מען קען מל'ן. אז נישט, טאר מען נישט ארייגלייגען א קינד אין א סכנה. קיין שום מענטש טאר מען נישט ארייגלייגען אין א סכנה, אבער ווייל עס איז דא א מצוה, איז די מצוה מגינא ומצלא.

**קומט** דאך אויס, אז כדי מען זאל קענען מל'ן א קינד, דארף מען האבן דעם כח אז דאס קינד זאל עס קענען אדורכטראגען, און עס זאל נישט צוקומען צו א סכנה. דער אייבערשטער ווערט דאך אנגערופען חי העולמים. עס איז דא צוויי טייטשען אויף חי העולמים. איין טייטש איז, חי העולמים, דער אייבערשטער לעבט אויף שטענדיג. און איין טייטש איז, חי העולמים, ער איז דער לעבן פון די וועלט. עס ווענדט זיך ווי אזוי מען פינטלט דעם חי, צו חי קומט מיט א צירי, צו חי קומט מיט א פתח (עיין **בתוספות יו"ט** סוף מסכת תמיד). - דער אייבערשטער איזביידע, די שאלה איז נאר וועלכע נקודה מען ברענגט ארויס בשעת מען זאגט עס. - דער אייבערשטער איז חי העולמים, דער אייבערשטער גיט די חיות אויף די גאנצע וועלט. אן דעם אייבערשטען איז נישט דא קיין חיות. אזוי ווי מען לייגט אריין א קינד אין א סכנה בשעת מען מל'ט אים, דארף ער דאך יעצט האבן א כח פון חיות וואס זאל אים מחיה זיין, קומט ארויף אויף אים די שם הוי"ה און דער שם שד"י , און דורכדעם קען ער אדורכגיין דעם סכנה, און די מצוה איז מגינא ומצלא.

**ואתם** הדבקים בה' אלקיכם, בשעת מען מל'ט א קינד, איז מען דבקים בה' אלקיכם, עס ווערט נתדבק אינעם קינד דער שם הוי"ה. וואס איז די סיבה דערפון, ווייל חיים כולכם היום, דורכדעם זאל מען קענען לעבן, מען זאל קענען האבן די חיות. עס איז דאך עליך הרגנו כל היום, און דורכדעם וואס עס קומט ארויף אויף אים דער שם הוי"ה, וואס דער שם הוי"ה איז דאך דער חי העולמים, דורכדעם איז חיים כולכם היום, קען מען עס אדורכטראגען, און בלייבען לעבן.

**אויף** ואתם הדבקים איז דא נאך א פשט, נישט אויף דעם פסוק נאר אויף ולדבקה בו (דברים יא-כב), א יוד דארף זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען. און דער מדרש (ספרי יא-כב) פרעגט, ווי אזוי קען זיך א מענטש מדבק זיין אינעם אייבערשטען, דער אייבערשטער איז דאך אש אוכלה (דברים ד-כד). אלא הדבק בתלמידי חכמים ותלמידיהם, זיי דיך מדבק אין חכמים, און אין די תלמידים פון די חכמים, און דאס ווערט גערעכנט אזוי ווי מען איז זיך מדבק אינעם אייבערשטען. ואתם הדבקים בה' אלקיכם איז טייטש, אונז קען מיר זיך נישט מדבק זיין אינעם אייבערשטען, אבער ווען מען איז זיך מדבק אין חכמים ותלמידיהם, דאס ווערט אנגערופן דביקות בה'.

**רבי** בערל איז מקיים דעם הדבק בתלמידי חכמים ותלמידיהם, עס זיצען דא תלמידים און זיי לערנען, און מען גיט זיי צו עסן, און מען האט אינזין אלע זייערע צרכים, דאס איז א חלק פון ואתם הדבקים בה' אלקיכם. זאל דער אייבערשטער העלפן, אז די ברכות וואס קומען מיט, מיט דביקות אינעם אייבערשטען, זאל ווייטער חל זיין.

**עס** איז דא נאך איינער וואס איז מקיים הדבק בתלמידי חכמים ותלמידיהם, רבי שמואל דוד [פישער הי"ו, מנכ"ל מוסדותינו בוומסב"ג] וואס איז עומד איבער אונז אלע, ער שטעלט אלעס צו א גאנץ יאר. עס קומט נישט אויס א געלעגענהייט מען זאל זיצען צוזאמען און מען זאל עס קענען ארויסברענגען, אבער יעדער איז דאנקבאר. די קעמפ איז זייער פיין, און אלעס פירט זיך גוט. ער שטעלט צו יעצט אי"ה די מתיבתא פארן קומענדיגען יאר. דער באשעפער זאל העלפן כהנה וכהנה, עס זאל גרינג אנקומען, מיט סייעתא דשמיא, קענען גרינג גומר זיין וואס מען דארף צוענדיגען. און מיר זאלן אלע זוכה זיין, אז די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה, און אנטקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **מענדל** ני"ו בן הר"ר **יונתן בנימין פישער** ני"ו (מאנטריאל), עב"ג בת הר"ר **חיים יהודא ארגעל** הי"ו, שהתקיים באולם לעגעסי.

***<u>יום חמישי פרשת ואתחנן</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנטיסעלא, וקבע מזוזה בדירתו החדשה של הר"ר **יואל אשר שווארץ** הי"ו.

*

***<u>שבת קודש פרשת ואתחנן</u>***

כשעה וחצי אחר הבדלה ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע** (מתוך הספר מאיר עיני הגולה), ומאת **הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע** (מתוך הספר שיח זקנים ח"י). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה.

***<u>וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):</u>***

**צב. החידושי הרי"ם** דיבר פעם מגודל בחינת נשמת עצמו. ואמר, יודע אני שיש לי נשמה גבוהה, ארבע מאות שנה כבר לא היתה נשמה זו בעולם. הרבה צדיקים נתקוטטו אודותי, ועל ידי זה גרמו לי רעותא.

**וביאר רבינו:** איך וויל ארויסברענגען די נקודה וואס עס איז דער טייטש, אז מען האט זיך געריסען נאך א חסיד. נישט מען האט געדארפט האבן נאך איינעם וואס זאל עסן שיריים, וועגן דעם האט מען געדארפט האבן דעם חסיד. נאר יעדער מנהיג, לויט וואס פאר א ציבור ער האט, לויט דעם איז מען משפיע פאר דעם מנהיג, ער זאל קענען משפיע זיין פאר די חסידים. ווען משה רבינו איז נסתלק געווארן, האט אים דער אייבערשטער געהייסען ער זאל נעמען יהושע, און ער זאל ארויפלייגען די הענט אויף אים, ויסמוך את ידיו עליו (במדבר כז-כג), ויהושע בן נון מלא רוח חכמה, כי סמך משה את ידיו עליו (דברים לד-ט), און דאס האט אים געבערענגט די רוח חכמה, אז ער זאל קענען פירן גאנץ כלל ישראל. די זעלבע איז יעדער מנהיג ביי יודען, טוט דער אייבערשטער געבן פאר דעם מנהיג ער זאל קענען משפיע זיין לויט די עדה וואס ער האט. און אז מען האט גרויסע לייט אזוי ווי דער חידושי הרי"ם איז געווען, איז די השפעה פארן צדיק געווען א סאך א גרעסערע השפעה. האט יעדער צדיק געזוכט צו האבן ביי זיך די גרויסע לייט וואס איז דא אין כלל ישראל, ווייל אז ער וועט זיין דער משפיע פאר זיי, וועט אויסקומען אז ער וועט אליין

נתעלה ווערן. דאס איז דער פשט אז די צדיקים האבן זיך געקריגט, אז מען זאל קענען האבן דעם חידושי הרי"ם פאר א חסיד.

*

**קא.** מפרשיסחא נסע **החידושי הרי"ם** חזרה לעירו לווארשא, ויהי כאשר רק דרכה רגלו על מפתן ביתו, נודעה לו שמועה רעה ומרה רח"ל, כי נעדר מאתו בנו הילד בן יקיר לו מאד. והיה כמעט גלוי ומפורסם שזהו בא לו מהקפדת **הרה"ק רבי משה מקאזניץ** עליו. ומלבד מה שהציקה לו אשתו בזה שנתקיימו דבריה שהזהירה אותו, היה הוא עצמו בצער גדול על להבא, כי הוא התדבק מאוד ברבו **הרבי ר' בונם זצ"ל**, ומה יעשה להקפדת **הרה"ק מקאזניץ זצ"ל**.

**וביאר רבינו:** איך וויל מסביר זיין, וואס עס איז דער פשט אין אזא מעשה. דער רבי משה'לע קאזניצער איז נישט געווען א רוצח, ער האט נישט גע'הרג'ט קינדער ווייל מען איז נישט געקומען צו אים אויף שבת. ער האט נישט פארלוירן איין קינד, ער האט פארלוירן אפאר קינדער שפעטער, פון די הקפדה פון רבי משה'לע קאזניצער.

**די** משנה (אבות ב-י) זאגט, הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה, מען דארף אכט געבן, מען זאל נישט אפגעבריהט ווערן פון א גחלת פון א חכם, מען זאל נישט נענש ווערן. אז מען טשעפעט א חכם, ווערט מען נענש. פארוואס גיט די משנה אזא משל, אז דער חכם איז א גחלת, ער איז א קויל, און געב אכט אז דו זאלסט נישט ווערן אפגעבריהט פון דעם קויל פון דעם תלמיד חכם. זאג, געב אכט אז דו זאלסט נישט נענש ווערן פון די הקפדה פון א חכם.

**א** חכם איז נישט מעניש. מען רעדט פון ערליכע יודען. אבער אין הימל נעמט מען זיך אן פארן כבוד פון א תלמיד חכם, און דער עונש וואס קומט אויף יענעם, געשעהנט פון זיך אליין. א גחלת, א קויל, וואס איז הייס, און מען רירט צו דערצו, ווערט מען אפגעבריהט. אפילו דו ווייסט האבן דעם בעסטן תירוץ, פארוואס דו האסט צוגערירט דערצו, פון דעסטוועגן דאך ווערסטו ווערן אפגעבריהט, ווייל עס איז אין טבע אזוי. עס איז נישט, אז דער גחלת איז אים מעניש, ער שטראפט אים. אז דו האסט מיך צוגערירט, וועגן דעם ווערסטו אפגעבריהט. נאר עס איז אין נאטור אזוי, אז מען רירט צו, צו א גחלת, ווערט מען אפגעבריהט. צוצורירען און ווי' טון פאר א חכם, איז א גחלת, דו ביסט א אונס, צו אנדערע סיבות וואס עס זאל נאר זיין, הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה. - סוף כל סוף איז נגרם געווארן א צער פאר רבי משה'לע קאזניצער, אז ער האט פארלוירן אזא חסיד, און דורכדעם האט ער אליין נישט געהאט די השפעות וואס ער האט געהאט פריער, האט מען צוגערירט א גחלת. אפילו די תירוץ איז גוט, עס איז דא א סיבה פארוואס איך האב עס געטון, פון דעסטטוועגן דאך הוי זהיר בגחלתן שלא תכוה, און דאס האט צוגעברענגט דערצו, אז יעדעס מאל וואס דער חידושי הרי"ם איז געפארן צו זיין רבי, האט עס געברענגט א אומגליק ל"ע ביים חידושי הרי"ם אין שטוב.

*

סיפר הרה"ג רבי דוד פרענקל ז"ל, שעמד בשעת מעשה כשניגש איש אחד עם בנו הילד **להרה"ק מהר"א מבעלזא זצ"ל** ואמר על בנו שעשה סיום על מסכת ברכות. אמר לו הרה"ק מבעלזא, שוטה, דער טאטע האט שטארק נישט געהאלטן פון אויסרימען א קינד.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז וויען מיין ברודער דער **סערדאהעלער רב** איז געווען א קליין קינד, האט ער געהייסען א בעל כשרון. און מיין טאטע איז געפארן מיט אים צום בעלזער רב קיין פעסט. דער בעלזער רב איז געווען א קורצע צייט אין פעסט, בעפאר ער איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל. און מיין טאטע ז"ל האט זיך געטראפן דארט מיט זיין טאטע דער **סערדאהעלער רב זצ"ל** און מיט זיין ברודער דער **ויגד משה**, און ער האט אים פארגעשטעלט זיין זון רבי חיים לייב. און ער האט געזאגט, אז דאס יונגעל איז א קלוג קינד, א בעל כשרון. האט אים דער ברודער געזאגט, לערן דיך אויס, אז מען רימט נישט א קינד. און מיין טאטע ז"ל האט אונז קיינמאל נישט גערימט. אונז האב מיר נישט באקומען קיין קאמפלימענ"ט'ס אזוי ווי א קינד באקומט היינט. א קינד רימט מען נישט. - איך ווייס נישט דעם טעם, וואס עס ליגט דערין, א עין הרע צו וואס, אבער מען האט נישט גערימט א קינד.

**נאך** א דבר פלא, מיין טאטע ז"ל האט קיינמאל נישט געקושט א קינד. איך האב נישט באקומען א קוש פון מיין טאטע. ארומגענומען יא, אבער נישט א קוש. איך מיין אז ער האט געזאגט, אז עס איז א סגולה פאר אריכת ימים. אמאל אמאל ווען ער פלעגט צו געבן א קוש פאר א אייניקל, פלעגט ער צו זאגן, איך בין שוין קאליע געווארן, אז איך קוש א אייניקל.

*

סיפר הרה"ח רבי מרדכי וועבער נ"י, פעם כשהייתי באמצע העברת הסדרה שנים מקרא ואחד תרגום, קרא לי **הרה"ק מבעלזא זצ"ל**, והרגיש בזה שאני עומד באמצע העברת הסדרה, אמר לי הרה"ק מבעלזא, זקיני (הרה"ק מהר"י מבעלזא זצ"ל) אמר, טוב יותר שלא לעבור הסדרה, מלדבר באמצע.

**והוסיף רבינו:** איך וויל נישט אז מען זאל אננעמען די מעשה אזוי ווי עס איז. אזוי ווי יענער האט געזאגט, אז ער לערנט נישט, וועגן דעם ווייל אז מען רעדט אויס אינמיטן לערנען, מאכילין אותו גחלי רתמים (חגיגה יב:), פאר אים וועט מען נישט געבן גחלי רתמים, ווייל ער האט נישט אנגעהויבן צו לערנען... דער **בעלזער רב** האט געזאגט אז מען רעדט אויס, דארף מען נישט אנהייבן מעביר סדרה צו זיין, מן הסתם איז עס א ענין על פי סוד. אבער אין נגלה איז מען מחויב מעביר סדרה צו זיין, אפילו מען דארף אויסרעדן אינמיטן. אוודאי אשרי חלקו פון דער וואס קען מעביר סדרה זיין אן אויסרעדן. אבער מען רעדט פון עס נעמען פאר א הוראה, אז עס איז ענדערש נישט מעביר סדרה צו זיין, דאס איז נישט אין נגלות התורה.

**און** אז מען רעדט שוין פון מעביר סדרה זיין, **דארף א בחור זיך געוואוינען צו מעביר סדרה זיין.** אז מען געוואוינט זיך נישט אלץ בחור, איז מען נישט מעביר סדרה שפעטער אויך נישט. עס שטייט אין די גמרא (ברכות ח:) אז ווען איינער איז משלים פרשיותיו עם הציבור, מאריכין לו ימיו ושנותיו, עס איז א סגולה פאר אריכת ימים. יעדער מענטש טוט פאר אריכת ימים, ער נעמט וויטעמינ'ס מיט מעדעצינען. וואס מען וועט אים הייסען טון, וועט ער טון, ער זאל קענען לאנג לעבן. עס איז דא א רפואה בדוקה פון די גמרא, די גמרא זאגט, ווען א מענטש איז מעביר סדרה, מאריכין לו ימיו ושנותיו, עס איז א סגולה פאר אריכת ימים.

**איך** האב אלץ מעביר סדרה געווען. אמאל בין איך ל"ע נישט געזונט געווען, און איך האב געטראכט וואס קען איך טון אויף מאריכין לו ימיו ושנותיו, האב איך זייט דעמאלטס אויפגעהערט מפסיק צו זיין אינמיטן מעביר סדרה זיין. אז עס איז מאריכין לו ימיו ושנותיו, איז דער טייטש, אז וואס מען טוט אין דעם ענין, איז א ענין פון מאריכין לו ימיו.

**דער אייבערשטער זאל געבן אריכת ימים פאר אלע יודישע קינדער, וזכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**